# תורת אביגדור
## פאר קינדער

איבערגעארבעט פאר קינדער פון די שמועסן פון **הרב אביגדור מיללער זצ"ל**
דורך: פינחס בן-עמי, נתנדב לעילוי נשמת אמי מורתי **מרים לאה בת יעקב יהודה** ע"ה

### פרשת חיי שרה

## חסד מיט א שמייכל

אין איינע פון די ווייטע אמעריקאנע שטעט האט געוואוינט רב גרינבערג מיט זיין משפחה. די רב איז געווען פארנומען מיט ארויסהעלפן די אידן פון זיין קהילה, ווי אויך אנדערע אידן וואס זענען געקומען פאר מעדעצינישע באהאנדלונג. דארט אין די שטאט איז געווען א גרויסע שפיטאל מיט ערפארענע דאקטוירים. מענטשן פון גאנץ אמעריקע זענען געקומען און איינגעשטאנען ביים רב אין שטוב, און אפילו געבליבן פאר א ווילע. אזוי איז געשען אז די קינדער פון רב גרינבערג זענען אלץ געווען פארנומען צו צושטעלן פאר די געסט וואס זיי האבן געדארפט.

"איך בין אזוי פארנומען" האט חיים געטראכט. אייביג דארף איך גיין איינקויפן אדער העלפן אין די קאך אדער שלעפן פעקלעך. ווער האט געהערט אז א אינגל זאל ארבעטן אזוי שווער? פארוואס דארף איך זיך איבערארבעטן אזוי?" און די הויז איז אייביג געווען אן איבערקערעניש. אויב חיים האט גאוואלט א שטילע פלאץ פאר זיך האט ער נאר געקענט חלום'ן דערפון. אין זיין הויז האבן זיך געדרייט אידן יעדן צייט פון טאג. און זייער אפט זענען זיינע עלטערן געווען אין שפיטאל ארויסצוהעלפן די מענטשן דארט, און ער האט געדארפט טוען אלעס אליין אין דער היים."וואס בין איך? א מיידל? א דינסט? א חסד מאשין?" האט ער פארביטערטערהייט געטראכט.

איין נאכט ווען ער איז געווען מיד און אויסגעמיטשעט האט חיים זיך געזעצט ליינען א בוך וועגן אלע סארט אינטערעסאנטע באשעפענישן. ער האט גטראכט אז אפשר וועט עס אים העלפן פארגעסן וועגן די בהלה וואס טוט זיך אין שטוב. אזוי האט ער געליינט וועגן קעמלען, און וועגן וויפול וואסער א דארשטיגע קעמל טרינקט. א מידיקייט איז אים באפאלן, און ליינעדיג וועגן קעמלעך איז חיים איינגעשלאפן, און געהאט א חלום.

**חיים'ס חלום**: ביים ברינען וואסער אין די שטאט חרן, שעפט א מיידל וואסער פאר איר משפחה. די מיידל הייסט רבקה בת בתוא-ל. עס איז נישט קיין גרינגע ארבעט וואס זי טוט, אבער זי האט ליב צו העלפן און טוט עס גערן.

און יעצט גייט עפעס געשען וואס וועט טוישן די לעבן פון רבקה פאר אייביג. זי ווייסט דאס נאך נישט, אבער דא האט דער באשעפער פארגעלייגט א גרויסע נסיון פאר רבקה די "בעלת חסד". און עס וועט איר געבן די געלעגענהייט צו ווערן רבקה אמינו, די מאמע פון גאנץ כלל ישראל פאר אלע דורות!

אליעזר עבד אברהם איז אנגעקומען קיין חרן מיט 10 קעמלען נאך א ווייטע רייזע. ער איז געקומען זוכן א כלה פאר יצחק. ער איז זייער דארשטעריג, און בעט רבקה פאר אביסל וואסער. וואס רבקה האט דעמאלץ געטוען האט איר גרויס געמאכט ביים באשעפער. זי האט גאזאגט, "אודאי. נעם א טרינק וואסער. און איך גיי ברענגען מער וואסער פאר דיין קעמלען." אזוי איז רבקה געלאפן אהין און צוריק, אהין און צוריק, אהין און צוריק נאכאמאל און נאכאמאל.א קעמל טרינקט זייער אסאך, און זי האט געשעפט געניג וואסער פאר אלע 10 קעמלען!

**ביים שבת סעודה:** עס זענען געווען בערך 15 געסט ביי רב גרינבערג'ס שבת סעודה. חיים האט שוין צוויי מאל אנגעפילט די קאנע פון וואסער זייט די אנהייב פון די סעודה, און עס איז געווען ליידיג. ער האט געזען ווי זיין מאמע שמייכעלט צו אים, ער האט געוואוסט וואס עס מיינט. זי בעט אים זיך אויפצושטעלן נאכאמאל און אנפילן די וואסער. זייער גערן האט חיים זיך אויפגעשטעלט און געגאנגען ברענגען וואסער פאר די געסט. און ווען ער איז אדורכגעגאנגען זיין מאמע האט ער געשמייכעלט און זיך איבערגעבויגן און געזאגט שטילערהייט "מאמי, איך גיי אין די וועגן פון רבקה אמינו! "

גוט שבת!



כל הזכויות שמורות ל: תורת אביגדור- פאר הערות און קאמענטארן ביטע פארשטענדיגט אייך: